„RADOMER-KIELCER LEBEN" 31 (221) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יאָהרגאַנג פינפטער גראָשען 25 פרייז

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטן.

אדרעס
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach

אַנאָנסען פרייז!

אין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר
„ „ „ אין „ 40 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 18 „
די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאַלטן 8 שפּאַלטן
אין טעקסט 4 „

ראַדאָם פרייטאָג כ"ר מנחם אב תרפ"ח. ◆◈ פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך ◆◈ 10 go sierpnia 1928 r.

טיעף געריהרט פון פריהצייטיגען טוידט פון אונזער העוב'ען און אונפערגעסליכען חבר

## שלום ווייצמאַן נ. ע.

וועלכער איז געשטאָרבען אין זיינע בליהענדע יאָהרען אין עלטער פון 35 יאָהר,

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דער אין טרויער פערבליבענער פ א מ י ל י ע

די דאַמען-שניידער-סעקציע
אין ר א ד אָ ם.




8 KL. HUMANIST. KOEDUKACYJNE
Gimnazjum T.R.O. (T-wo Rozp. Oświaty)
WILNO, ul. Piłsudskiego 13
מיט רעכט פון רעגירונגס - גימנאַזיעס.
איינטריטס-עקזאַמענס הייבן זיך אָן דעם 26-טן אויגוסט
נאָך אינפאָרמאַציעס ווענדען זיך אין קאַנצעלאַריע פון גימנאַזיע.

Dr. med.
I. KLEJNBERGER
specjalista chorób uszu, nosa i gardła
RADOM, WITOLDA 2
powrócił

Akuszerka DARYŃSKA
POWRÓCIŁA z KRYNICY
Przyjmuje codziennie chorych
Udziela porady
CENY PRZYSTĘPNE.
LUBELSKA № 7.

דער בעסטער
טעלעגראַפּיסטער מענער היט
איז נור
SELECT
פאַרטרעט אימיטאַציע!

איך מאַך בעקאַנט, אַז כ'האָב פערלוירען אַ פּראָטעסטירטען וועקסעל
אויף 200 זל. דער נאָמען פון אויסשטעלער איז א. א א ו ע ר ב א ך.
דאָס וועקסעל איז אַ ווערטלאָזע זאַך, ווייל ס'איז געוואָרען
די זשיראַנטען נישט צו בעצאָהלען. דער פינדער וועט פאַר'ן אָבגעבען
דאָס וועקסעל בעלוינט ווערען.
ב י נ ה ד אַ נ צ י ג ע ר
— מלעצנע 5.

# ראדאמער כראניק.

## זייט פארזיכטיג.

עטליכע „דאזארעס" מיט גמיגע-בעאמטע האבען אונטערגענומען אנ'אקציע ארויסצוגעבען א צייטונג. צו דעם צוועק איז דירך זיי ארויסגעשיקט געווארען א גאנצער שטאב יוצר משרתים, יונגלעך און געלד-מעקלערס פון גאס צונויפצוזאמלען געלד, אדער וועקסלען איבער דער שטאדט, איינרעדענדיג יעדען, אז ער וועט מכ.ומרשט זיין א שותף צום „געשעפט".

די דאזיגע אקציע, ווי יעדער פערשטעהט, שמעקט מיט נייע קהלה-וואהלען. די דאזיגע לייט ווילען זיך בעצייטענס באפעסטיגען און בעזארגען מיט זייערע מאנדאטען און פאסטענס אין דער נייער קהלה. צוליב דעם געהט מען ארום אין די הייזער צוזאמענעמ'ן געלד. אז די שטאדט זאל זיי צושטייער געבען און גאראנטירען זייערע בענקלעך, כביד, פרנסות און מאנדאטלער.

יעדער איינער צו וועמען מ'וועט קומען נאך געלד ברויך זיך אנגעבען א דין וחשבון, אז מיט זיין געלד וועט ער העלפען פערשטארקען די דיקטאטארישע מאכט פון עטליכע תקיפים, וואס ווילען בעהערשען די שטאדט, דיקטירען און אפזארפען זייערע עגאאיסטישע פערלאנגען. דורך דעם געבען יעדען גראשען געלד אויף דעם צוועק וועט ער גורם זיין, אז א גאנצע שטאדט זאל פערשקלאפט ווערען פון א הייפעל אפטרופסים, וועמענס פרצופים עס זענען שוין גענוג דעמאסקירט געווארען.

יעדער בעוואוסטזיניגער יוד, יעדער אויפריכטיגער און סאלידער מענש ברויך פערשטעהן די הינטער כוונות און נישט לאזען איבער זיך פערלייגען די אויסגעשפרייטע לייצעס פון די בענקעל חאפערס, וואס זענען נישט אויסען מעהר ווי קאריעריזם און הערשערישע מאכט.

אומעטום, אין יעדען הייז, וואו די דאזיגע געלד-זאמלער וועלען זיך בעווייזען. דארפט דער ענטפער, וואס זיי זאל געגעבען ווערען, זיין: פריהער גיט-אב א דין וחשבון פון אייערע „שעהנע" מעשים און אויפהעצצען פאר דער שטאדט, און דער עיקר א רעכנונג פון די הינדערטער טויזענדער זלאטעס, וואס איהר האט גענומען ביי דער שטאדט. פרעגט זיי איף וואסערע צוועקען די דאזיגע ריזיגע סומעס זענען פערוועדעט געווארען.

ראדאמער יודען, זייט פארזיכטיג און לאזט אייך נישט אפנארען. ווייזט די דאזיגע יוצר משרתים, יונגלעך, געלד-מעקלער'ס און ליכיואנשעס דעם וועג, ווי עס האבען געטוהן פיל ראדאמער פערשטענדליכע יודען, ביי וועמען זיי האבען די שוועל איבערגעטרעטען.

לאזט אייך נישט נעמען אין ארענדע פון א הייפעלע תקיפים מיט זייערע נאכטאנצער. וועלכע ווילען אויף אייערע פלייצעס אויפשטעלען א בריק פון קאריערעס, פאסטענס, פרנסות און ביזנעס,

## דערשאסען דעם פזשאדאווניק פון דער געהיים-פאליציי, באכנער.

מיטוואך ארום האלב ניין אזייגער איז אין הויז אויף וואל 59 געשאסען געווארען דער פשאדאווניק פון דער פאליטישער געהיים-פאליציי, באכנער. יענעם אווענד האט געזאלט פארקומען א אלגעמיינע צעכען-פערזאמלונג אין האנדווערקער-קלוב, וואוהין ער איז געגאנגען כדי בייצוואוינען די פערזאמלונג. אריינקומענדיג אין הויז, איז ער דערשאסען געווארען פון הינטען פון 4 רעוואלווער-קוילען, וועלכע האבען איהם דורכגעלעכערט דעם רוקען און איהם געטוידט אויפ'ן ארט.

ווען מ'האט אין קלוב זיך דערוויסט פון מארד האט מען פון דא'ט תיכף טעלעפאנירט אין קאמיסאריאט פון וואנען ס'איז אנגעקומען א גרעסערע אבטיילונג פאליציי. אויפ'ן ארט פון מארד האט מען געפונען א היטעל מיט א מאסקע.

די פאליציי האט אונטערגענומען ענערגישע שריט צו ענטדעקען די אנפאלער.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, איז אין דער זעלבער נאכט אדורכגעפיהרט געווארען א רייהע ארעסטן צווישן די געוועזענע פאליטישע ארעסטירטע.

## אויספעסערונגען.

אין ארטיקעל פון פאריגע וואך „ווי אזוי מ'האט בעל הבית'עוועט מיט אמעריקאנער דאלארען" אויף דער פיערטער שפאלט, שורה 21, דארף אנשטאט „שלעסער מאניפולאנטען" — זיין שלעסער-מאניפולאציעס.

* * *

אין היינטיגען נומער צייטונג איז אין סוף נאטיץ „אין ראדאם פעהלט אויס שוחטים" פערזעהן געווארען א געוויסע שטעלע, נעמליך: אין דעם זאץ „ביי דער בדיקה פון זעלבען אקס, וואס דער נייער שוחט האט גע'שחט'ען" אנשטאט דעם ברויך זיין: אין זעלבען טאג, וואס דער נייער שוחט האט גע'שחט'ען, איז ענטשטאנען ביי דער בדיקה פון א אקס א שאלה אויף דער ריאה".

ר ע ד.

PROFESORKA DYPLOMOWANA
JĘZYKA FRANCUSKIEGO
ukończywszy Uniwersytet Francuski z odznaczeniem udziela lekcji francuskiego i szybkiego władania językiem metodami najnowszemi u siebie lub za domem.
*Fela Rozenberg*
**RADOM, RWAŃSKA 21.**

דער סכסוך, וואלכער איז פארגעקומען אין גארבאטקא שבת פ' ואתחנן צווישען ר' חיים אהרן ווייַנאכט און ר' יונה הירשענשטרויז אויס ראדאם, איז פערגלייכט געווארען ביים ראדאמער רב קעסטענבערג אז ה' הירשענשטרויז דארף געבען אויף פאלגענדע אינסטיטוציעס 60 זל.

| | | |
|---|---|---|
| תלמוד תורה ראדאם | — | — 15 זל. |
| יודיש שפיטאל „ | — | — 15 „ |
| „עזרת" „ | — | — 15 „ |
| „אנורה" „ | — | — 15 „ |

אין ה' הירשענשטרויז האט ה' ווייַנאכט'ן מפייס געווען.

צום פריהצייטיגען טויט פון אונזער מיטגליד
# שלום ווייצמאן
דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
דער פרוי און קינדער.
דער שניידער מייסטער פעראיין
און רויה-שטאף פאפ. „סורוויט"
אין ראדאם.

**Zakłady Handlowo-Przemysłowe**
„STEMAR"
**MARJAN SZMORLINSKI**
Fabryka Tektury Smołowcowej, Smarów i Przetworów Chemicznych.
**Radom, Plac 3 Maja 1 tel. 45 — Fabryka i Składy Giserska 30**
POLECAMY:
**Papę dachową, smołę, lepnik, asfalt, gudron, karbolineum, smary do lin i trybów, smary wozowe, smar „TOVOTE'A", olej emulsyjny, olej pylochłonny** i. t. p.
WYKONUJEMY
*roboty dekarskie, asfaltowe i izolacyjne.*

ŚNIEGOWCE!!
Obstalunki na **ŚNIEGOWCE** WSZECHŚWIAT. FIRMY **T. & A. BATA Zlin** (Czechosłowacja)
przyjmowane będą tylko do **15 SIERPNIA** r. b.
Przedstawicielstwo
**S. BAKER & Co. L-td**
**Warszawa, Zielna № 30.**

Felczer H. GRINSZTAJN Zgodna 1, tel. 303, ma świeżą ospę

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC
Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 99